# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
ר' אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

נשא

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com
טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©
**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## נשא

בני מררי - די גרויסקייט פון די היינטיגע דורות........................................................................א

גם הם לבית אבותם - מיר זענען אַלע קינדער פון אונזער גרויסע טאַטע................................................ד

וקידש את ראשו - איך בין חשוב און באַליבט ביים בוכ"ע אין יעדע מצב!..........................................ו

שובו לכם לאהליכם - אָנהאַלטן דעם יו"ט שבועות מיט אַ קליינע קבלה................................................ט

# נשא

### בני מררי - די גרויסקייט פון די היינטיגע דורות

**בני** מררי למשפחותם לבית אבותם תפקוד אותם (ד, כט). פרעגט דער "חתם סופר" זי"ע ("תורת משה" פ' נשא, בדיבור הב'), פאַרוואָס זאָגט נישט דער פסוק "נשא את ראש", אַזוי ווי ביי די בני קהת, וואָס דער פסוק זאָגט (ד, ב) "נשא את ראש בני קהת מתוך בני לוי, למשפחותם לבית אבותם", און אויך ביי די קינדער פון גרשון, שטייט (פסוק כב) "נשא את ראש בני גרשון גם הם, לבית אבותם למשפחותם".

**ענטפערט** דער "חתם סופר", "קהת" און "גרשון" זענען מרמז אויף די צייטן ווען עס איז לעבעטיג פאר אידן. "קהת" ווייזט אויף די צייט ווען אידן האָבן געוואוינט אין ארץ ישראל, פון לשון פון פסוק (בראשית מט, י) "ולו יקהת עמים". "גרשון" איז מרמז אויף די צייט ווען די אידן זענען שוין געוווען פאַרטריבן פון זייער לאַנד, אָבער זיי האָבן נאָך געהאַט חכמים און צדיקים וואָס האָבן זיי געלערנט דעם וועג אין וועלכן זיי זאָלן גיין. אויף די אלע צייטן, ווען אידן זיצן רואיג אין ארץ ישראל, אָדער אין דער צייט פון גלות, ווען זיי האָבן געהאַט גדולי ישראל, זאָגט דער פסוק, "נשא את ראש וגו' לבית אבותם". דעמאָלס זענען זייערע עלטערן חשוב'ער פון זיי, און מ'דאַרף אויפהייבן די קינדער אַז זיי זאָלן זיין אין די מעלה פון זייערע עלטערן. אָבער אין די לעצטע דורות, ווען אידן ליידן צרות אין גלות, ווערן זיי גערופן "בני מררי" (פון לשון "וימררו את חייהם"), ווי ס'איז מרומז אין די נעמען פון די קינדער פון מררי: מחלי, און מושי. "מחלי" איז פון לשון "מחלה" ל"ע, און "מושי" איז פון לשון "אָפּגעטוהן" ("מָשׁוּר", זיי זענען אָפּגערוקט פון ארץ ישראל). זיי זענען ליידער צעמישט פון זייערע צרות, און וועגן דעם זאָגט די תורה אַז מ'זאָל זיי אויפהייבן, ווייבאַלד זיי זענען אין אַ מדריגה, וואָס קיין שום באַשעפעניש קען נישט שטיין אין זייער מחיצה, ווי די חז"ל זאָגן (ע' ב"ב י:) "דורו של שמד אין כל בריה יכולה לעמוד במחיצתם".

**ממילא**, איז נישט שייך צו זאָגן ווען זיי "נשא את ראש בני מררי לבית אבותם", ווייל די קינדער פון מררי דאַרף מען נישט אויפהייבן צו די מדריגה פון זייערע עלטערן, ווי דער "חתם סופר" זי"ע שרייבט דאָרט "ווייל זייערע עלטערן זענען ווי אַ "טפל" צו זיי, און זיי שטייען אויף אַ העכערע מדריגה פון זייערע עלטערן"[א].

---

**א.** דער פסוק זאָגט (במדבר יב, ג) "והאיש משה ענוו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה". פרעגן די מפרשים, ווי אַזוי האָט משה רבינו ע"ה געקענט זיין "עניו מאד מכל האדם"? ער האָט דאָך געוואוסט זיין גרויסע חשיבות, אַז ער איז גרעסער פון אַלע אידן, ווי דער פסוק זאָגט (דברים לד, י) "ולא קם נביא עוד בישראל כמשה אשר ידעו ה' פנים אל פנים". ער איז געווען דער איינציגסטע פון אַלע באַשעפענישן וואָס איז געווען אין הימל עטליכע מאָל, פאַר פערציג טעג און פערציג נעכט, און ער איז דאָרט געווען ווי אַ מלאך, "לחם לא אכל, ומים לא שתה", ער האָט נישט געדאַרפט עסן און טרינקען. אויב אַזוי, ווי אַזוי האָט משה געקענט טראַכטן אַז ער איז קלענער "מכל האדם אשר על פני האדמה"?

ענטפערט הרה"ק רבי שלום בער מליובאוויטש זי"ע (ספר המאמרים, שנת תרע"ט, ע' תרעה), אַז משה רבינו ע"ה האָט געזעהן דעם ספר פון אדם הראשון, וואו עס ווערן געשילדערט די מעשים פון די מענטשן אין אַלע דורות, פון "בראשית", ביז תחיית המתים (זעה שמ"ר פ"מ, ב), און ער האָט געזעהן דעם דור פון "עקבתא דמשיחא", וואָס וועט נישט האָבן אַ השגה אין ג-טליכקייט, ספּעציעל לגבי די השגה פון משה, וועט דאָך זייער השגה אינגאַנצן נישט גערעכנט ווערן. אויך וועלן זיי נישט האָבן אַן אמת'דיגע עבודה מיט'ן מח און מיט'ן האַרץ. זיי וועלן מקיים זיין מצוות מיט'ן גוף, אָבער אָן כוונה. אויך דאָס וואָס זיי וועלן יאָ טוהן, וועט זיי אָנקומען שווער מיט מסירות נפש, ווייל זיי וועלן האָבן אַ סאַך מניעות און עיכובים בגוף ובנפש, אָבער טראָץ אַלעם, וועלן זיי מקיים זיין די מצוות מיט מסירות נפש.

ווען משה האָט דאָס געזעהן, איז ער געוואָרן בתכלית השפלות, צוליב דעם יתרון אַז זיי זענען אַזוי פיל גרעסער פון איהם. דאָס הייסט, ווען משה האָט געזעהן דעם לעצטן דור וואָס זענען ליידער אַזוי פאַרוויקלט אין צרות און

די ווערטער פונעם "חתם סופר" זי"ע, זענען אַ געוואַלדיגער חיזוק פאַר אונזער דור, וואָס מיר זענען אין דער בחינה פון "בני מררי", כפשוטו וכמשמעו. און דורך דעם וואָס מ'שטאַרקט זיך מיט אמת'ע אמונה אינעם באַשעפער, און מ'פרובירט טוהן זיין רצון און איהם דינען ווי ווייט מעגליך, זענען מיר חשוב'ער ווי די פריערדיגע דורות, ווי דער "חתם סופר" זאָגט, אַז זייערע אבות זענען ווי אַ "טפל" צו זיי, און זיי זענען גרעסערע פון זייערע אבות.

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער "דברי ישראל" ("ידי ישראל", חוקת) אויפ'ן פסוק (במדבר יט, ב) "זאת חוקת התורה אשר צוה ה' לאמור", זאָגט רש"י, "לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה, לפיכך כתב בה חוקה" וכו'. זאָגט דער "דברי ישראל", "חק" איז מרמז אויף פרנסה, ווי חז"ל זאָגן (ביצה טז.) "חק לישנא דמזוני", ווי דער פסוק זאָגט (משלי ל, ח) "הטריפני לחם חקי", און די חז"ל זאָגן (זוהר חדש, ח"ג, ז.) "ישראל מפרנסין לאביהם שבשמים". דער אויבערשטער כביכול ווערט "געשפייזט" פון די עבודה פון אידישע קינדער אויף דער וועלט, מיט די תורה און מצוות וואָס אידן זענען מקיים און עס קומט זיי אָן שווער.

**דאָס** איז די כוונה פון די ווערטער פון רש"י ז"ל, "לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל", דער שטן ברענגט אויף אידן פאַרשידענע טירדות און נסיונות, אָבער די אידן שטאַרקן זיך קעגן די נסיונות פון דעם שטן, און זיי דינען דעם אויבערשטען מיט'ן גאַנצן האַרץ. דאָס איז די "שפייז" פונעם אויבערשטען כביכול, און צוליב דעם ווערט עס אָנגערופן "חוקה" ("חק לישנא דמזוני")[ב].

---

יסורים, אוןליידן פון אַזוי פיל הסתרות אינעם חשכות, און פונדעסטוועגן, שטאַרקן זיי זיך מיט די אמונה און פאַלן נישט אַריין אין יאוש ח"ו, איז משה געוואָרן זייער געפאַלן ביי זיך, האַלטנדיג אַז זיי זענען גרעסער פון איהם (אַוודאי האָבן מיר נישט אַ השגה אין די גרויסקייט פון משה רבינו ע"ה, אָבער פונדעסטוועגן, לערנען מיר פון דעם די מעלה פון אונזער דור, ווען מ'האַלט זיך ביי די אמונה, טראָץ אַלע נסיונות).

עס שטייט אין ספה"ק "ברית מנוחה" (געברענגט אין ספה"ק "אור לשמים", פ' תצוה, ד"ה "עוד נראה לי רבוע יהיה"), **אַז באמת** איז די חשיבות פון לעצטן דור זייער גרויס, און כאָטש די חז"ל זאָגן (שבת קיב:) "אם הראשונים כמלאכים, אנו כבני אדם, ואם הראשונים כבני אדם, אנו כחמורים" (אויב די פריערדיגע דורות זענען געווען אַזוי ווי מלאכים, זענען מיר גערעכנט אַזוי ווי מענטשן, און אויב די פריערדיגע דורות זענען געווען ווי מענטשן, זענען מיר ווי אייזלען). **דאָס איז אַלץ געזאָגט געוואָרן נאָר אין זייער** צייט, ווייל לויט די דורות, זענען די שפּעטערדיגע געווען אַזוי ווי "אייזלען", אַנטקעגן די גרויסקייט פון די פריערדיגע - די הייליגע תנאים, אָבער אין אונזער צייט, ווען עס הערשט אַ פינצטערניש אויף דער וועלט, און פונדעסטוועגן שטאַרקן זיך אידן צו דינען דעם אויבערשטען לויט זייער כח און שכל, זענען זיי חשוב'ער ווי די צדיקים אין די פריערדיגע דורות.

דער הייליגער רוזינער זי"ע האָט געזאָגט ("עירין קדישין" השלם, מסכת שבת) אויף די דערמאַנטע ווערטער פון דער גמרא, "אם הראשונים כמלאכים, אנו כבני אדם, ואם הראשונים כבני אדם, אנו כחמורים". ווען מ'זעהט ווי אַ מענטש שטייט און דאַווענט פאַר דעם אויבערשטען, איז עס אַוודאי נישט קיין וואונדער ביי קיינעם. אָבער אויב מ'גייט פאַרביי אַ סטאַדע פון אייזלען, און פלוצלינג זעהט מען ווי איינער פון זיי שטייט אויף די פיס און נעמט זיך דאַנקען און לויבן דעם באַשעפער און דאַווענען פאַר איהם, וועט דאָך די גאַנצע וועלט אויפגעשאָקלט ווערן פון די אינטערעסאַנטע "נייעס"... און קיינער וועט דאן נישט נאָכקוקן צי זיין תפילה איז געווען פון טיפן האַרץ אָדער נישט, ווייל דאָס עצם שטיין און דאַווענען פון אַן אייזל, איז אַ געוואַלדיגע רבותא. אויף דעם זאָגט די גמרא: "אם הראשונים כבני אדם, אנו כחמורים". ממילא, איז אונזער תפילה אַזוי ווי די תפילה פון יענעם אייזל, וואָס די עצם זאַך וואָס מיר דאַווענען אין אַזאַ שוואַכן דור, איז שוין אויך אַ רבותא, און ווייזט אויף אַ גרויסע מעלה. אַזאַ תפילה, קוקט מען נישט נאָך אין הימל, און עס ווערט אָנגענומען לרחמים ולרצון.

**ב.** דער "דברי ישראל" ברענגט דאָרט אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע, אַז דאָס ענין אַז אידן "שפייזן" דעם אויבערשטען כביכול, גייט אָן אויך ביז'ן היינטיגן טאָג, אפילו אין אונזערע שוואַכע דורות, און דער וואָס זאָגט אַנדערש, איז אַ שוטה. מיר דאַרפן וויסן אַז מיר זענען דעם אויבערשטען'ס "געשעפט".

**עס** שטייט אין ספה"ק "ישמח ישראל" (חנוכה, אות נו) אַז הרה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע האָט געפרעגט דעם אר"י הקדוש זי"ע, אויף די ווערטער פון ירושלמי, אַז די קוה פון אַ שכן פון רבי אלעזר בן עזריה איז אַרויסגעגאַנגען אין שבת מיט אַ רצועה צווישן אירע הערנער[ג], און ווייל ער האָט נישט מוחה געווען קעגן דעם שכן, איז די קוה אָנגערופן געוואָרן אויף'ן נאָמען פון רבי אלעזר בן עזריה: "פרתו של רבי אלעזר בן עזריה". עס איז איהם גערעכנט געוואָרן ווי אַ חטא ח"ו, און ער האָט געפאַסט אַ סאַך תעניתים אַז מ'זאָל איהם מוחל זיין די עבירה, ביז זיינע ציין זענען געוואָרן שוואַרץ פון תעניתים.

**האָט** רבי חיים וויטאַל געפרעגט דעם אריז"ל, אויב אויף אַזאַ "קליינקייט" ווי דאָס וואָס דעם שכן'ס קוה האָט געטראָגן אַ רצועה אין שבת, האָט רבי אלעזר בן עזריה געפאַסט אַזוי פיל תעניתים, וואָס זאָלן מיר שוין זאָגן? האָט דער אריה"ק איהם געענטפערט, אַז דאָס אַלעס איז געווען נאָר אין די פריערדיגע דורות, אָבער אין די היינטיגע צייטן, אין דעם פינצטערן גלות, ווערט אַפילו אַ קרעכץ וואָס קומט אַרויס פון טיפן האַרצן, גערעכנט אַזוי ווי אַ סאַך תעניתים אין די פריערדיגע יאָרן.

**לייגט-צו** דער "ישמח ישראל", אַז אויב עס איז אַזוי געווען אינעם דור פונעם אריז"ל, איז דאָך פון דאַן ביז יעצט, וואָס דער גלות און די צרות שטאַרקן זיך אַזוי שטאַרק לויידער, און יעדן טאָג איז "קללתו מרובה משל חבירו - איז אַוודאי אַז ווען אַ איד שרייט אַרויס פון טיפן האַרצן אין היינטיגן דור, איז אַזאַ קרעכץ גאָר טייער ביי דעם אויבערשטען, אַזוי ווי תעניתים אין די פריערדיגע דורות.

**מיר** קענען נאָר צולייגן, אַז זינט דער "ישמח ישראל" האָט געשריבן די דאָזיגע ווערטער ביז היינט, זענען

---

זאָגט הרה"ק רבי יחזקאל'ע: אין די פריערדיגע דורות, האָט דער אויבערשטער געהאַט אַ "גרויס געשעפט", ער איז געווען אַ "גרויסער סוחר", וואָס האָט געהאַט "פרנסה בריווח" כביכול, אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, און די כהנים האָבן געטוהן די עבודה, די לויים האָבן געזינגען שירה, און אויך נאָכ'ן חורבן, איז די וועלט נאָך געווען פיל מיט צדיקים, אָבער אויך היינט גיבן מיר איהם "פרנסה" כביכול, ווייל אויב נישט, פון וועמען שפּייזט ער זיך?!... צי דען שפּייזט ער זיך פון די קינדער פון ישמעאל, אָדער פון עשו? מ'דאַרף אָבער וויסן, אַז כאָטש מ'גיט איהם היינט "גאָר ווייניג צו לייזן"... אָבער באמת, גיבן מיר אויך היינט "פרנסה" פאַר'ן באַשעפער כביכול, ווייל אין הימל וועגט מען לויט די מדרגה פון די נשמות, לויט'ן כובד הגלות, און לויט ווי גרויס עס זענען די טירדות פון מענטש, ע"כ.

קומט אויס פון די ווערטער פון הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער, אַז אויב מ'מאַכט אַ חשבון אין וואָס פאַר אַ שווערן גלות מיר געפינען זיך, פאַרשטייט מען אונזער גרויסע חשיבות אין הימל, אַז עס האָט ממש נישט אַ שיעור און אַ שאַצונג.

**ג.** די גמרא פרעגט (ביצה כג.) אויף די ווערטער, "פרתו של רבי אלעזר בן עזריה": צי האָט דען רבי אלעזר געהאַט נאָר "איין קוה"? ער איז דאָך געווען אַזוי רייך, אַז בלויז די מעשר בהמה וואָס ער האָט געגעבן יעדעס יאָר, איז געווען צוועלף טויזנט קעלבלעך, האָט ער דאָך מסתמא געהאַט צענדליגער טויזנטער קיען, און פאַרוואָס זאָגט די גמרא "פרתו", לשון יחיד? ענטפערט די גמרא, אַז עס איז נישט געווען זיין קוה, נאָר עס האָט באַלאַנגט פאַר זיין שכן, נאָר ווייל ער האָט נישט מוחה געווען קעגן דעם שכן ווען די קוה האָט געטראָגן אַ רצועה צווישן אירע הערנער, ווערט עס אָנגערופן אויף זיין נאָמען.

זאָגט אויף דעם, הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, אַז די אַנדערע קיען זענען נישט גערעכנט געוואָרן ווי "זיינע" קיען, ווייל דער מענטש נעמט דאָך נישט מיט זיך אויף יענע וועלט נאָר מצוות און מעשים טובים: "כי לא במותו יקח הכל"... נאָר די איינע קוה אויף וועלכע רבי אלעזר בן עזריה האָט תשובה געטוהן (פאַר דעם וואָס ער האָט נישט מוחה געווען קעגן דעם שכן) ווערט גערעכנט אַלס "זיין קוה", ווייל די חז"ל זאָגן (יומא פו:) אַז ווען דער מענטש טוט תשובה מאהבה, ווערן זיינע עבירות איבערגעקערט צו זכיות. צוליב דעם "נקראת על שמו", ווערט עס גערופן אויף זיין נאָמען, ווייל די זכותים וואָס זענען אָנגעקומען צו איהם, באַגלייטן איהם אויפ'ן עולם העליון. קומט אויס אַז די קוה פון זיין שכן, איז גאָר געווען די קוה פון רבי אלעזר בן עזריה, און טאַקע זיין "איינציגע" קוה...

דאָך ליידער צוגעקומען אַזוי פיל צרות ישראל, און מיט דעם, איז דאָך ממילא געשטיגן אויך די מעלה פון אידישע קינדער. דאָס דאַרפן מיר געדענקען, אַז אַפילו די קלענסטע עבודה פון אַ איד בזמן הזה, איז גאָר חשוב אין הימל, נאָך מער ווי די גרויסע מצוות וואָס די צדיקים האָבן מקיים געווען אין די פריערדיגע דורות, ווייל פאַר זיי איז עס נישט אָנגעקומען אַזוי שווער ווי פאַר אונז.

**גם הם לבית אבותם - מיר זענען אַלע קינדער פון אונזער גרויסע טאַטע**

**נשא את ראש בני גרשון גם הם לבית אבותם למשפחותם** (ד, כב).

**דער** פסוק, איז אַ געוואַלדיגע מקור פון חיזוק פאַר די מענטשן וואָס עס זעהט זיי אויס אַז זייער מצב איז נישט גוט ח"ו, יעדער איינער מיט זיינע פּראָבלעמען. "נשא את ראש בני גרשון", דער אויבערשטער זאָגט צו משה, הייב אויף די קעפּ פון די מענטשן וואָס דאַכט זיך זיי אַז זיי זענען אין כלל פון "בני גרשון" (פאַרטריבן). ווי אַזוי קען מען אויפהייבן די "בני גרשון"? איז דער תירוץ: "לבית אבותם", זיי זאָלן געדענקען ווער עס איז זייער טאַטע, דער גרויסער דערבאַרימדיגער באַשעפער ברוך הוא, וואָס אידן זענען זיינע קינדער, ווי דער פסוק זאָגט (דברים יד, א) "בנים אתם לה' אלוקיכם". מיר האָבן אַ טאַטן אין הימל וואָס איז דער בעל היכולת, און ער האָט אונז ליב אַזוי ווי אַ טאַטע האָט ליב זיינע קינדער, מיט אַן ענדלאָזע ליבשאַפט, אַפי' ווען דער זון פירט זיך נישט אויף ווי עס דאַרף צו זיין.

**עס** זאָל זיך נישט מאַכן ביי קיין שום איד ח"ו - ווען אַ טאַטע האָט צען קינדער און איינער פון זיי איז נישט געזונט ל"ע, איז דאָך דער טאַטע פאַרנומען "ראשו ורובו" צו טראַכטן ווי אַזוי צו פאַרלייכטערן די שווערע לאַגע פון זיין שוואַכן קראַנקן קינד. דאָס זעלבע קען מען זאָגן ווען אונזערע היינטיגע דורות, וואָס זענען ליידער אַזוי שוואַך ברוחניות ובגשמיות, אָבער דער אויבערשטער כביכול איז "פאַרנומען" פון אונז "לטוב לנו", עס זאָל אונז זיין גוט[ד].

**ד.** אַזוי טייטשן די ספרים דעם פסוק נשא את ראש וגו' לגבי דעם ענין פון חינוך הבנים. דער אויבערשטער זאָגט צו משה רבינו ע"ה, הייב אויף די קעפּ פון די יונגע קינדער, תינוקות של בית רבן, וואָס זיי שפּירן זיך "פאַרטריבן" פון דעם באַשעפער. זאָלסטו זיי לאָזן וויסן, אַז "גם הם לבית אבותם", אויך זיי זענען חשוב, ווייל זיי שטאַמען פון די הייליגע אבות אברהם, יצחק, און יעקב.

די ספרים טייטשן אויך בדרך צחות דעם פסוק (משלי יג, כד) "חוסך שבטו שונא בנו". "חוסך שבטו", דער טאַטע וואָס האלט זיך צוריק פון צו זאָגן פאַר זיין זון פון וועלכן שבט ער שטאַמט, דאָס הייסט, ער זאָגט איהם נישט אַז ער שטאַמט פון אַ הייליגן מקור, ווייל ווען דער מענטש ווייסט ווי חשוב ער איז, העלפט עס איהם ער זאָל זיך פירן אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ קינד פון הייליגע עלטערן.

דער מאַקעווער רב, הגה"צ רבי משה נתן נטע לעמבערגער זצ"ל, בעל "עטרת משה", איז אַמאָל געזעסן ביים טיש פון אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע. אינמיטן טיש, האָט דער לעלוב'ער רבי זיך געוואָנדן צום מאַקעווער רב, און איהם געפרעגט:

- מאַקעווער רב, איר האָט געזעהן דעם שינאָווער רב?

האָט דער מאַקעווער רב געענטפערט, אַז ער האָט נישט זוכה געווען צו זעהן דעם שינאָווער רב.

אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט אא"ז הרה"ק הרמ"מ נאָך אַמאָל געפרעגט דעם מאַקעווער רב, אויב ער האָט געזעהן דעם שינאָווער רב, און שפּעטער נאָך אַמאָל, און דער מאַקעווער רב האָט יעדעס מאָל געענטפערט אַז ניין, ער האָט נישט געזעהן דעם שינאָווער רב. פאַר'ן בענטשן, האָט מיין זיידע נאָך אַמאָל געפרעגט דעם מאַקעווער רב אויב ער האָט געזעהן דעם שינאָווער רב, און ווען ער האָט ווידעראַמאָל געענטפערט אַז ניין, האָט אא"ז איהם געזאָגט:

- איך האָב אויך נישט זוכה געווען צו זעהן דעם שינאָווער רב, אָבער אַ טייער וואָרט האָבן מיר יאָ פון איהם... אויפ'ן פסוק "נשא את ראש בני גרשון גם הם לבית אבותם למשפחותם", האָט דער שינאָווער רב געזאָגט: "נשא את ראש" - מ'דאַרף אויפהייבן דעם קאָפּ פון אַלע "בני גרשון". דאָס הייסט, פון אַלע מענטשן וואָס שפּירן אַז זיי זענען פאַרטריבן פון באַשעפער, און מ'דאַרף זיי דערמוטיגן אַז "גם הם", אויך זיי שטאַמען פון אַ הייליגן יחוס,

**ווען** דער מענטש געדענקט אַז ער איז אַ קינד פונעם באַשעפער ברוך הוא, איז איהם גוט בזה ובבא, ווייל ער פאַרלאָזט זיך אויף דעם גרויסן טאַטן אין הימל, פּונקט ווי אַ זון פון אַן עושר פאַרלאָזט זיך אויף די מעגליכקייטן פון זיין טאַטן. מ'דאַרף זיך נאָר שטאַרקן מיט די ידיעה אַז אַלע שוועריגקייטן זענען נאָר צייטווייליג, אַנטקעגן די גוטע טעג וואָס זענען אָנגעגרייט צו קומען אויף איהם. די גאַנצע הסתרה איז נישט מער ווי אַ "הקדמה" צום גוטן, ווייל פון הימל וויל מען משפיע זיין אויף איהם אַ סאַך טובות, און כדי ער זאָל זיין אַ כלי וואָס איז ראוי מקבל צו זיין די ברכה, געבט מען איהם קודם די יסורים כדי איהם אויסצולייטערן, ער זאָל קענען זיין אַ "כלי מחזיק ברכה".

**אויף** די פּסוקים (תהלים מב, ח-ט) "תהום אל תהום קורא לקול צנורך כל משבריך וגליך עלי עברו, יומם יצוה ה' חסדו", טייטשט רש"י, אַז "תהום" איז אַ משל אויף די צרות. "תהום אל תהום קורא" - איין צרה רופט צו די צווייטע צרה.

**זאָגט** דער מלבי"ם ז"ל, אַז דוד המלך ע"ה האָט געמיינט צו זאָגן, ווען עס זענען געקומען אויף מיר גרויסע צרות, איז עס געווען אין מיינע אויגן אַ צייכן אַז דער אויבערשטער וועט מאַכן מיט מיר גרויסע ניסים און נפלאות. מ'דאַרף זיך פאַרשטעלן, אַז ווען מ'הערט די "קולות" פון די צרות, זענען זיי איהם גלייכצייטיג מודיע, אַז דעם אויבערשטען'ס חסד איז אָנגעגרייט צו קומען, און אַז דאָס איז אַ סימן אַז דער אויבערשטער וועט מאַכן מיט איהם ניסים ונפלאות: "יצוה ה' חסדו לנוסס ניסים ונפלאות ואותות ומופתים". און אויף דעם זאָגט ער, איך האָב דעמאָלס געהערט ווי איין "תהום" רופט צום אַנדערן "תהום", אַזוי צו זאָגן: "יומם יצוה ה' חסדו".

**דער** מענטש וואָס גלייבט באמת אַז דער אויבערשטער מיינט נאָר זיין טובה, פרייט זיך שוין אויך אין צייט פון די צרה אַז עס וועט קומען די ישועה, ווי דער מלבי"ם ז"ל טייטשט דאָרט ווייטער דעם המשך פונעם פּסוק: "ובלילה שירה עמי תפילה לקל חיי", אַז אויך אין צייט פון די צרות, ווען עס איז שוין געווען פינצטער און טונקל, "שירה עמי" - האָב איך שוין געזינגען צו דעם אויבערשטען און מתפלל געווען "תפילה לקל חיי", וויבאַלד די "תהומות" און "משברים" האָבן

---

"למשפחותם לבית אבותם". זיי שטאַמען פון די הייליגע אבות אברהם, יצחק, און יעקב, און אויך זיי זענען אַ טייל פון אידישן פאָלק (ס' "דברי יחזקאל", פ' נשא).

פונדעסטוועגן, דאַרף מען געדענקען אויך דאָס וואָרט פון הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע, וואָס ער האָט געזאָגט ענליך, אָבער ער האָט צוגעלייגט, אַז "גם הם לבית אבותם" מיינט, אַז אויך זיי האַלטן זיך כאַטש אָן אין די מעשים פון זייערע עלטערן, און זענען זיך משתדל צו טוהן דעם רצון באַשעפער. "ער לייגט זיך אויך עפּעס אַריין אין געשעפט"... נאָר דעמאלס איז מען זוכה אַז זכות אבות זאָל אַרויסהעלפן דעם מענטש אין עבודת ה'.

ענליך האָט געזאָגט הרה"ק רבי מאיר'ל פרימישלאַנער זי"ע, "נשא את ראש", מ'דאַרף אויפהייבן די חשוב'ע לייט, וואָס זענען אין דער בחינה פון "ראש". "בני" - די מענטשן וואָס האַלטן זיך גרויס און שטאָלצירן מיט זייער יחוס, אַז זיי זענען "קינדער" פון גרויסע לייט, דאַרף מען ביי זיי מקיים זיין "גרשון" מ'זאָל זיי פאַרטרייבן און דערוויטערן... אָבער "גם הם" - אויב זיי פּרובירן אַליין אויך צו גיין אויפ'ן וועג פון זייערע עלטערן, ווערן זיי דערהויבן "למשפחותם לבית אבותם", און זכות אבות וועט זיי באַשיצן.

דער כלל פון דעם אַלעם איז, אַז אַן אייגענע האַרעוואַניע מצד דעם מענטש, קען מען נישט שטייגן אין די מעלות התורה והיראה, ווייל די תורה קומט נישט בירושה, אָבער אויב אַ איד לייגט אַריין כוחות, איז ער זוכה מיט'ן כח פון זכות אבות, אַז מ'עפנט פאַר איהם אַלע טויערן פון שפע.

**ה.** על דרך משל, ווען מ'בויט אַ הויז, באַהאַלט מען דעם "יסוד" פונעם בנין טיף אונטער דער ערד. וואָס גרעסער און ברייטער דער בנין איז, אַלץ טיפער באַהאַלט מען דעם "יסוד" אונטער דער ערד. דאָס זעלבע איז מיט'ן מענטש. ווען ער שפּירט אַז ער און זיין מצב זענען "באַהאַלטן" אין דער ערד "טיף טיף", זאָל ער וויסן און פאַרשטיין, אַז ווי טיפער ס'איז דער יסוד, אַזוי איז דער בנין העכער און ברייטער, און ער קען האָפן און אַרויסקוקן אויף בעסערע צייטן...

זיך אויפגעהויבן, האָב איך געוואוסט אַז נאָך זיי וועלן קומען חסדים פון באַשעפער, און דערפאַר האָט דוד המלך ע"ה שוין יעצט געזינגען און געדאַנקט און געלויבט דעם אויבערשטען פאַר'ן גאַנצן חסד וואָס ער איז אָנגעגרייט צו טוהן מיט איהם.

**ווען** דער מענטש פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען און ער וואַרפט אַרויף זיין גאַנצן "פעקל" אויף איהם, פאַרלאָזט איהם נישט דער אויבערשטער, און ער העלפט איהם אין אַלע זיינע זאכן וואס ער דאַרף.

**אַזוי** ברענגט דער "שפת אמת" זי"ע (פ' תרומה, שנת תרל"א) אין נאָמען פון זוהר הקדוש, "שעיקר הבטחון הוא להיות מובטח בעבודת השי"ת", דער עיקר פון בטחון איז צו זיין פאַרזיכערט אין עבודת ה', אַז דער אויבערשטער וועט העלפן. "וכפי בירור האמונה בלב האדם, כך נעשה באמת", און לויט ווי קלאָר די אמונה איז אין האַרץ פונעם מענטש, אַזוי ווערט עס באמת געטוהן.

**און** דער "שפת אמת" ברענגט פון זיין זיידן, הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע, אויפ'ן פסוק (ירמיה יז, ז) "ברוך הגבר אשר יבטח בה', והיה ה' מבטחו", לויט ווי ווייט בטחון דער מענטש האָט אין באַשעפער, אַזוי איז ער באמת פאַרזיכערט, און לויט זיין בטחון, ווערט מקוים די "סיפא" פונעם פסוק: "והיה ה' מבטחו", אַז דער אויבערשטער וועט זיין פאַר איהם אַ פאַרזיכערונג, און איהם באַשיצן פון פורעניות.

**וקידש את ראשו - איך בין חשוב און באַליבט ביים בוכ"ע אין יעדע מצב!**

**וכיפר** עליו מאשר חטא על הנפש וקידש את ראשו ביום ההוא, והימים הראשונים יפלו (ו, יא-יב).

ווען דער נזיר איז טמא געוואָרן און ער ברענגט זיין קרבן, זאָגט די תורה, דער קרבן וועט מכפר זיין אויף איהם פאַר זיין זינד, און ער וועט היילינגן זיין קאָפּ יענעם טאָג, און די פריערדיגע טעג וועלן אַוועקפאַלן.

**דער** גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, האָט אויפגעוויזן פון די פסוקים, אַז דער מענטש טאָר זיך נישט מייאש זיין, אין וועלכן מצב ער זאָל זיך נאָר נישט געפינען. ווייל נורמאלערהייט וואלט דאך דער נזיר געקענט ווערן שרעקליך צובראכן ביי זיך. געב א קוק, איך האב זיך אינטערגענומען צו זיין א נזיר פאַר'ן רבש"ע און צו זיין אפגעהיטן פון יעדע סארט טומאה, און 'פלוצלינג' בין איך טמא געוואָרן. נו, דאַרף מען דען א גרעסערע ראיה אז מיינע מעשים נישט באַוויליגט פאַר דעם אויבערשטען?! זעהסט דאך אַז פון הימל האָט מען געמאַכט אַז איך זאָלסט טמא ווערן, כדי איך זאָל זיך נישט קענען היטן פון די טומאה...

**פונדעסטוועגן**, זאָגט די תורה, "וקידש את ראשו ביום ההוא" - אין זעלבן טאָג קען ער זיך היילינגן... ער דאַרף אָפּלאָזן אַלע "חשבונות", און נאָכגיין "בלינדערהייט" דעם באַשעפער, און ער זאָל אויסשרייען: פון יעצט אָן, פאַנג איך אָן מיט נייע נזירות, "והימים הראשונים יפלו" - און די פריערדיגע טעג וועלן אַוועקפאַלן...

**פון** דעם קען מיר אַלע זיך לערנען, יעדער איינער מיט זיינע נפילות "בפתע פתאום", אַז מ'טאָהר קיינמאָל נישט אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו[ו], נאָר מ'דאַרף זאָגן "מכאן ולהלאה חושבנא" - פון 'יעצט' און ווייטער, וועל איך אָנהייבן פירן אַ נייעם חשבון[ז].

**ו.** אַ בחור פון אויסלאַנד וואָס האָט געלערנט אין דער גערער ישיבה אין ירושלים, האָט געדאַרפט אַהיימפאָרן קיין חוץ לארץ. מורא האָבנדיג אַז ער וועט פאַרשלאָפן דעם עראָפּלאַן, וואָס האָט געזאָלט אַרויספאָרן גאָר פרי, איז ער אויף-געבליבן אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָגס, איז דער בחור געגאַנגען דאַווענען ביים כותל המערבי, וואָס איז געווען ליידיג פון מתפללים אין יענע פריע שעה'ן פון טאָג. דאָרט, האָט ער באַגעגנט זיין רבי'ן, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע. דער רבי האָט איהם געקלאַפּט אויפ'ן אַקסל און געפרעגט:

- זאָג נאָר, בחור, וואָס איז די גרעסטע שבח מיט וועלכן מ'קען לויבן דעם אויבערשטען?

און דער "בית ישראל" האָט אַליין געענטפערט אויפ'ן אָרט: די גרעסטע לויב איז, אַז דער אויבערשטער לאַכט נישט... מער, האָט דער גערער רבי נישט געזאָגט אַ וואָרט...

דער בחור איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט: וואָס האָט דער רבי געמיינט מרמז צו זיין? ווען ער איז צוריקגעקומען אין דער ישיבה "שפת אמת", איז ער צוגעגאַנגען צום דעמאָלסטיגן ראש הישיבה, דער שפעטערדיגער גערער רבי

אַזוי זאָגט די גמרא (ביצה כה:) רבי מאיר האָט געזאָגט, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן צו די אידן, "מפני שהן עזין", ווייל זיי פאַרמאָגן אין זיך "עזות". זאָגט דער מהרש"א (חידושי אגדות, ד"ה "ראויין") אַז "עזין" מיינט נישט דווקא שטאַרקייט, נאָר "לעמוד על דבריהם ולא ישובו מפני כן" - צו שטיין פעסט אויף זייערע זאַכן, און נישט זיך אַוועקרוקן פאַר קיין שום זאַך אויף דער וועלט.

**אַ** ראיה דערצו, האָבן מיר פון דעם וואָס די גמרא ברענגט דאָרט דריי ביישפילן פאַר "עזות": "ישראל באומות, כלב בחיות, תרנגול בעופות". אידן זענען די "עזין" צווישן די פעלקער. דער הונט איז דער "עז" צווישן די חיות, און דער האָן איז דער "עז" צווישן די עופות. באמת, געפינט מען אַ סאַך חיות און עופות וואָס זענען שטאַרקער ווי דער הונט אָדער דער האָן, נאָר וואָס דען, "עזות", אין דעם פאַל, מיינט אַז זיי דערשרעקן זיך נישט פאַר קיינעם (דער הונט איז מעיז פנים צו בילן קעגן בעלי חיים וואָס זענען אַ סאַך שטאַרקער פון איהם). אַזוי זענען אויך די אידן. אפילו ווען דער כח פונעם יצר הרע שטאַרקט זיך חלילה איבער זיי, פאַרבלייבן זיי אַלץ מיט זייער עזות און פירן ווייטער מלחמה מיט

---

הרה"ק בעל "פני מנחם" זי"ע, און איהם געפרעגט וואָס דער רבי האָט געקענט מיינען מיט זיינע ווערטער, אַז דער אויבערשטער לאַכט נישט... פון ווען האָט דען דער אויבערשטער צו לאַכן, וואָס ער לאַכט נישט... האָט דער "פני מנחם" איהם געענטפערט:

- אויב איך זאָל, למשל, אַלס ראש ישיבה אין דער ישיבה, צוגיין צו אַ בחור אין די ישיבה, און איהם אויפמערקזאַם מאַכן איבער אַן אויפפירונג וואָס איז נישט ווי עס דאַרף צו זיין, און דער בחור וועט מיר זאָגן, דער ראש ישיבה איז גערעכט, פון היינט אָן, וועל איך זעהן צו פאַרבעסערן מיין אויפפירונג, איז אויב עס וועט אַדורכגיין אַ טאָג און דער בחור וועט צומאָרגנס ווייטער טוהן אַזוי ווי פריער, און ער וועט מיר נאָך אַמאָל ענטפערן אַז פון יעצט און ווייטער וועט ער זעהן צו פאַרבעסערן זיין אויפפירונג, וועל איך איהם נאָך קענען מוחל זיין, אָבער אויב ער וועט איבער'חזר'ן דעם זעלבן ענטפער אַ סאַך מאָל, און ער וועט זיך ווייטער אויפפירן אַזוי ווי פריער, וועל איך דאָך לאַכן פון אַזאַ בחור... און איך וועל איהם זאָגן, "דאָס איז נישט קיין ענטפער, ווייל עס איז שוין געוואָרן ווי אַ געלעכטער". דער אויבערשטער איז אָבער אַנדערש, אויך אויב מ'זאָגט איהם 100 מאָל, "פון יעצט און ווייטער וועל איך איבערלאָזן מיין אַלטע אויפפירונג", וועט דער אויבערשטער נישט לאַכן פון אונז, נאָר ער וועט אונז אָננעמען מיט ליבשאַפט, גלייך ווי מיר וואָלטן געמאַכט די דאָזיגע פאַרזיכערונג צום ערשטן מאָל...

**ז.** עס איז דאָ אַ באַקאַנטער אויסדרוק פון די בעלי המוסר: "תיכף לשברון לב, התחזקות" - באַלד נאָך אַ צובראָכנקייט פון האַרץ, דאַרף מען זיך שטאַרקן.

הרה"ק רבי אברהם אלימלך זצ"ל הי"ד פון קאַרלין, האָט דערציילט אַ מעשה וואָס איז פאָרגעקומען ביי זיין זיידן, הרה"ק בעל "בית אהרן" זי"ע. אַמאָל אין טאָג פונעם יאָרצייט פון זיין זיידן, הרה"ק רבי אהרן הגדול זי"ע פון קאַרלין, ווען דער "בית אהרן" האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים עמוד, איידער ער האָט אָנגעהויבן דאַווענען, האָט ער געגעבן אַ טיפן קרעכץ, און געזאָגט:

- אויך מיר אַן אייניקל... אַ פּראָסטאַק... וואָס האָסטו מיט'ן זיידן?!...

אַזוי האָט ער זיך מתבונן געווען עטליכע מינוט, און דערנאָך, האָט ער אויסגערופן:

- טאַקע אַן אייניקל, טאַקע דאַווענען פאַר'ן זיידן...

האָט הרה"ק רבי אברהם אלימלך מסביר געווען, אַז אַזוי דאַרף אַ איד דינען דעם אויבערשטען. פון איין זייט, דאַרף ער זיין אַן עניו און האָבן אַ "לב נשבר", וואָס ווייסט זיין ווייניגקייט, אָבער פון דער צווייטער זייט, דאַרף ער זיך שטאַרקן און זאָגן, "טאַקע, איך בין אַ בן מלך", איך בין דאָך אַ זון פון דעם אויבערשטען, און מיין חשיבות איז גרויס אָן אַ צאָל.

די משנה זאָגט (אבות פ"ב, מ"ח) "אל תאמן בעצמך עד יום מותך". דו זאָלסט נישט גלייבן אין זיך, ביז דעם טאָג ווען דו וועסט שטאַרבן. האָט געזאָגט דער קאָצקער רבי זי"ע, אַז עס איז אַ קל וחומר, מה דאָך מ'טאָר נישט גלייבן וועגן זיך אַז מ'איז אַ צדיק תמים, און מ'וועט קיינמאָל מער נישט דורכפאַלן מיט אַן עבירה ח"ו, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז מ'טאָר נישט גלייבן אַז מ'איז אַ רשע גמור, און אַז מ'האָט שוין נישט קיין האָפענונג חלילה וחס.

שטאַרקייט, און פאַלן נישט אַריין אין יאוש חלילה. און טאַקע וועגן דעם האָבן די אידן באַקומען די תורה: "מפני שהן עזין" - ווייל זיי פאַרמאָגן אין זיך די מדה פון "עזות דקדושה", נישט נתפעל צו ווערן פון שוועריגקייטן, און נאָר אַזוי קען מען זוכה זיין צו תורה.

**אַזוי** זאָגט שלמה המלך ע"ה (משלי כד, טז) "שבע יפול צדיק וקם, ורשעים יכשלו ברעה", דער צדיק פאַלט אַדורך זיבן מאָל, אָבער ער שטעלט זיך אויף פון זיין נפילה, און דער רשע פאַלט אַריין אין שלעכטן. סיי די צדיקים, סיי די רשעים פאַלן אַמאָל, נאָר חילוק צווישן זיי איז, אַז דער צדיק בלייבט נישט מיט זיין נפילה, נאָר "וקם" - ער הייבט זיך אויף פון זיין נפילה, אָבער דער רשע פאַרבלייבט מיט זיין כשלון, און ער קען זיך מער קיינמאָל נישט אויפהייבן דערפון. (מ'זעהט טאַקע בפירוש אין פסוק, אַ חילוק צווישן דעם צדיק, און דעם רשע: ביי דעם צדיק, שלמה המלך ע"ה, "יפול" - ער פאַלט, וואָס יעדער מענטש קען אַמאָל פאַלן אויף דער גאַס. אָבער ביי דעם רשע זאָגט ער "יכשלו", וואָס "כשלון" ווייזט אויף דעם מענטש וואָס פאַרבלייבט מיט זיין כשלון)[ח].

**דער** "אלשיך" הקדוש זאָגט (תורת משה, פרשתינו) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ו, כ) "ואחר ישתה הנזיר יין". פרעגן די מפרשים, פאַרוואָס רופט איהם דער פסוק אָן "הנזיר"? אויב קומט ער טרונקן וויין, דאַן האָט ער דאָך געענדיגט זיין נזירות, ווייל אַ נזיר טרינקט נישט קיין וויין, און אויב אַזוי, ווי אַזוי רופט איהם די תורה מיט'ן נאָמען "נזיר"?

**ענטפערט** דער "אלשיך" הקדוש, אַז וויבאַלד אין אַ גוטן זמן האָט ער גענומען אויף זיך צו זיין אַ נזיר, און ער האָט זיך געפירט בקדושה ובטהרה, וועגן דעם רופט איהם די תורה "נזיר", כאָטש אַפילו ער האָט שוין געענדיגט זיין נזירות, ווייל אויך דעמאָלס ווען ער איז געפאַלן פון זיין מדריגה, איז פאַרבליבן ביי איהם פון די קדושה וואָס ער האָט קונה געווען ווען ער האָט געמאַכט די גוטע קבלה. פון דעם לערנען מיר אַ מורא'דיגע לימוד, אַז אַפילו נאכדעם וואס די פאַלסט פון דיין גוטע קבלה, רופט דיך דער אויבערשטער אָן אויפ'ן נאָמען פון די קבלה טובה, ווייל אַ גוטע פעולה פון אַ איד ווערט קיינמאָל נישט פאַרלוירן!

**דאָס** איז אַ לימוד פאַר יעדן איינעם וואָס שפירט זיך מיואש ח"ו, און עס דאַכט זיך איהם אַז "מה שהיה הוא שיהיה" - ער וועט חלילה שוין נישט בעסער ווערן, ער וועט פאַרבלייבן דער זעלבער ווי פריער. דאַרף ער אַוועקוואַרפן די דאָזיגע געדאַנקען, און אויסשרייען מיט אַ הויך קול, איך בין חשוב און באַליבט ביי דעם באַשעפער, אַזוי ווי דער גרעסטער "גדול בישראל". דער אויבערשטער איז דאָך מיין באַשעפער, ער האָט אַריינגעבלאָזן אין מיר אַ גייסט פון לעבן און גיט מיר חיות יעדע מינוט, ממילא, וועל איך איהם אויך נישט איבערלאָזן, און איך וועל איהם דינען פון יעצט און ווייטער.

**אַזוי** האָט אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע נאָכגעזאָגט (מובא בס' "קדושת מרדכי", ע' יז) אין נאָמען פון הרה"ק רבי דוד'ל טאָלנער זי"ע, אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ז, נד) "ביום השמיני נשיא לבני מנשה". "נשיא" איז פון "נשיאות ראש" - אויפהייבונג פונעם קאָפּ. "מנשה" איז פון לשון פאַרגעסן, וואָס צוליב דעם האָט ער דאָך געהייסן "מנשה", ווי דער פסוק

---

**ח.** על דרך מליצה, ווען מ'צייכנט אָן אַ גוטן סימן אויף אַ זאַך, צייכנט מען אַ "ווי" (V), וואָס ביי דעם בוכשטאַב, גייט מען "פון אונטן אַרויף" מיט די פעדער... דאָס איז אַ רמז, אַז די הצלחה קומט דורך דעם וואָס עס איז קודם געווען אַ "ירידה"... אָבער ווען מ'וויל אָנווייזן אויף אַ צייכן וואָס איז נישט אַזוי גוט, מאַכט מען אַן "עקס" (X)... ביי דעם בוכשטאַב "עקס", גייען ביידע שטריכן "פון אויבן אַראָפּ", און זיי הייבן זיך מער נישט אויף פון זייער ירידה...

איינער פון אונזער חבורה האָט צוגעלייגט צו אונזערע ווערטער, עס איז איינגעפירט אין די ישיבות, ביי די בחינות פון די תלמידים, אַז ווען דער משגיח אָדער דער מגיד שיעור וויל אָנצייכענען אַז דער תלמיד האָט ריכטיג געענטפערט, מאַכט ער אַ "טשעק", וואָס אויף דער לינקער זייט גייט ער אַראָפּ און דערנאָך גייט ער צוריק אַרויף אויף דער רעכטער זייט, מער ווי ער איז אַראָפּגעגאַנגען פריער. דאָס איז אַ רמז, אַז כאָטש דאָס לעבן פון אַ איד איז געבויט אויף "ירידות" און "עליות", פונדעסטוועגן, דאַרף מען זעהן עס זאָל זיין אויף אַן אופן אַז יעדע עליה זאָל איהם אויפהייבן נאָך מער, צו אַ העכערע מדריגה ווי פריער, פון דעם אָרט וואו ער האָט געטראָטן איידער ער איז געפאַלן...

זאָגט (בראשית מא, נא) יוסף הצדיק האָט איהם אַ נאָמען געגעבן "מנשה", ווייל "כי נשני אלקים את כל עמלי", דער אויבערשטער האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן מיין גאַנצע פלאָג און האָרעוואַניע.

**איז** דער פסוק מרמז: "נשיא לבני מנשה", דו זאָלסט אויפהייבן די אַלע מענטשן וואָס מיינען אַז זיי זענען "פאַרגעסן" געוואָרן ח"ו פון באַשעפער. מיט וואָס זאָלסטו זיי אויפהייבן? זעצט-פאָר דער פסוק: "גמליאל" - אויך איך האָב דעם אויבערשטען אַלס מיין באשעפער ("גם לי א-ל"), איך האָב אויך אַ חלק באלוקי ישראל, און אויף אַזאַ איינעם, זאָגט דער אויבערשטער: "פדאצור" "פדה צור" - ער האָט מיך (כביכול) אויסגעלייזט פון גלות.

**שובו לכם לאהליכם - אָנהאַלטן דעם יו"ט שבועות מיט אַ קליינע קבלה**

**עס** איז באַקאַנט וואָס דער הייליגער באַרדיטשוב'ער רב זי"ע שרייבט ("קדושת לוי", שבועות, ד"ה "נשאלתי"), אַז מ'האָט איהם געפרעגט אין ליטע, פאַרוואָס דער יום טוב שבועות ווערט אָנגערופן "עצרת", אין דער תורה ווערט דאָך דער נאָמען "עצרת", געניצט נאָר ביי שמיני עצרת.

**זאָגט** דער באַרדיטשוב'ער רב (אין דריטן אופן), לויט ווי דער רמב"ן ז"ל שרייבט (אמונה ובטחון, פי"ט) אויפ'ן פסוק (שה"ש ב, ז) "אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ", אַז ווען דער מענטש שפירט אַ געפיל פון התעוררות צו אהבת ה' און יראת ה', זאָל ער מאַכן אַ "כלי" צו די התעוררות, דורך מקיים זיין אַ מצוה, אָדער דורך לערנען תורה, כדי צו קענען איינהאַלטן און אָפּהיטן אין זיין נפש די הייליגע הרגשים.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק, "אם תעירו ואם תעוררו את האהבה", אויב עס ווערט נתעורר אין אייך די מדה פון אהבת ה'. "עד שתחפץ" - זאָלט איר מאַכן אַ "חפץ" און אַ "כלי" צו די התעוררות, כדי עס זאָל אָפּגעהיטן ווערן ביי אייך אַ לאַנגע צייט. די התעוררות זאָל נישט אויסרינען.

**זאָגט** דער "קדושת לוי" זי"ע, אַז דערפאַר ווערט דער יום טוב שבועות אָנגערופן "עצרת", פון לשון "איינהאַלטן", מ'זאָל "איינהאַלטן" אין זיך די התעוררות און די גוטע השפעות וואָס מיר האָבן געהאַט אין יום טוב שבועות, ווען מיר האָבן מקבל געווען די תורה.

**זעהען** מיר פון די ווערטער פון הייליגן "קדושת לוי" זי"ע, אַז דער עיקר תכלית פון יום טוב איז ממשיך צו זיין די הארות פונעם יום טוב, און קבלת התורה, אויך אויף שפּעטער.

**ענליכע** ווערטער שרייבט דער "בית אברהם" (שבועות, ד"ה "ישלם"), אַז דער יום טוב ווערט גערופן "שבועות", פון לשון "שבועה" - שווערן. פונקט אַזוי ווי ווען מ'נעמט אריין נייע סאָלדאַטן אין מיליטער, באַשווערט מען זיי מיט אַ האַרבע שבועה אַז זיי וועלן בלייבן געטריי פאַר'ן לאַנד און פאַר די מלוכה, אַזוי אויך אין יום טוב שבועות, ווען מיר נעמען די תורה יעדעס יאָר פונדאָסניי, באַשווערט מען אונז מיט אַ שבועה, עכ"ל.

**קומט** אויס, אַז וויבאַלד אין יום טוב שבועות ווערט באַנייט דאָס געבן די תורה, וועגן דעם דאַרף מען פונדאָסניי שווערן אַז מ'וועט מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים, און דער נאָמען פונעם יום טוב ווייזט אויף זיין תכלית, אַז דער עיקר איז צו באַנייען זיך מיט אַ קבלה גמורה פון יעצט און ווייטער.

**דער** גערער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, זאָגט (געברענגט אין ספר "ליקוטי יהודה", פרשתינו, אות ס') אויף דעם שינוי אין די לשונות פון די פסוקים אין דער היינטיגער סדרה (ז, פד-פח) "זאת חנוכת המזבח ביום המשח אותו... זאת חנוכת המזבח אחרי המשח אותו". אין איין פסוק שטייט "ביום" המשח אותו, און דער צווייטער פסוק זאָגט "אחרי" המשח אותו. זאָגט דער "אמרי אמת", אַז עס איז נישט גענוג מיט דעם וואָס מ'איז מקבל די השפעות "ביום המשח", אין דער צייט ווען עס קומט-פאָר די התעלות, נאָר דער עיקר איז ממשיך צו זיין די קדושה פון דער צייט, אויך "אחרי" המשח - נאָך דעם ווי דער יום טוב גייט אַוועק פון אונז[ט].

**דאָס** איז ספּעציעל געזאָגט געוואָרן ווען עס קומט-פאָר די "חתונה" צווישן אידן און די תורה, דאַרף מען

---

**ט.** דער מענטש זאָל נישט טראַכטן, "עוד חזון למועד", עס וועט נאָך קומען דער טאָג ווען כ'וועל זיך נעמען דינען דעם אויבערשטען און לערנען תורה...

זעהן אַז דער "זיווג" זאָל זיין אַ "בנין עדי עד", און אַ "קשר של קיימא", דורך דעם וואָס מ'וועט פאָרזעצן צו לערנען תורה בהתמדה[א].

ביי מתן תורה זאָגט דער פסוק (שמות יט, י) "וקדשתם היום ומחר". דו זאָלסט זיי היילגן היינט, און מאָרגן[ב]. דאָ איז מרומז, אַז מ'זאָל נישט לאָזן דעם יום

---

דער גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, האָט נאָכגעזאָגט אַז זיין טאַטע, דער אַלטער גערער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, האָט געזאָגט אין זיינע עלטערע יאָרן, אַז ווען ער איז געווען יונג, האָט ער געטראַכט וועגן אַ סאַך זאַכן אין לערנען און עבודת ה', וואָס ער וועט נאָך קענען טוהן ווען עס וועט קומען די צייט דערפאַר, אָבער יעצט, אויף די עלטערע יאָרן, קען ער עדות זאָגן אַז דאָס וואָס מ'טוט נישט ווען מ'איז נאָך יונג, קען מען שוין שפּעטער נישט אויפטוהן.

אַזוי זאָגן די ספרים אַ רמז פאַר דעם וואָס מ'עסט מילכיגע מאכלים אין יום טוב שבועות, ווייל באמת קען מען אָפּלייגן דאָס שחט'ן די בהמה אויף שפּעטער, אָדער אויף מאָרגן, און די בהמה וועט נישט קאַליע ווערן דערפון, אָבער מילך וואָס אַ קוה פּראָדוצירט טאָג-טעגליך, מוז מען אויסמעלקן אין זעלבן טאָג, און מ'קען נישט זאָגן, "איך וועל מאָרגן מעלקן אויך פאַר היינט, אָדער פאַר נעכטן"... דעריבער ווערט די תורה צוגעגליכן צו "מילך", ווייל אויך ביי תורה, קען מען נישט אָפּלייגן דאָס לערנען אויף "מאָרגן", נאָר מ'דאַרף היינט לערנען, ווי די חז"ל זאָגן "ואם לא עכשיו אימתי".

דער גאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין ירושלים, האָט געזאָגט אַ כוונה אין די ווערטער פון דער גמרא (שבת פח.) אַז דער אויבערשטער האָט אַריבערגעבויגן דעם באַרג סיני אויף די קעפּ פון די אידן, און ער האָט זיי געוואָרנט, אויב איר וועט אָננעמען די תורה איז גוט, און אויב נישט, "שם תהא קבורתכם", וועט דאָרט זיין אייער קבורה. האָט רבי חיים שמולעוויץ געפרעגט, פאַרוואָס זאָגן די חז"ל "שם", און נישט "כאן" - דאָ - "תהא קבורתכם"? זיי זענען דאָך שוין דעמאָלס געשטאַנען אונטער דעם באַרג?

ענטפערט רבי חיים שמולעוויץ, עס איז דער שטייגער פון מענטש צו זאָגן, "לכשאפנה אשנה", ווען איך וועל האָבן צייט, וועל איך לערנען. ווען דער מצב וועט זיך טוישן צום בעסערן, און אַלע שטערונגען וועלן זיך אָפּטוהן, וועל איך לערנען און דינען דעם אויבערשטען. אויף אַזאַ זאַג, איז גילטיג דאָס לשון "שם" תהא קבורתכם, דאָרט שטעקט דער דורכפאַל פונעם מענטש, ווייל ווען ער פאַרלאָזט זיך אויף "דאָרט", אָדער אויף "שפּעטער", וועט דער יצר הרע שוין זיכער מאַכן אַז דער "דאָרט" און דער "שפּעטער" זאָל נישט אָנקומען אַזוי שנעל, און צום סוף וועט דער מענטש בלייבן מיט ליידיגע הענט...

**י.** הרה"ק רבי אהרן'לע קאָזשניצער זי"ע, האָט אַמאָל געפרעגט זיינע חסידים, וועלכער שניידער נייט קליידער אומזיסט. האָט איינער געענטפערט, דער שניידער וואָס נייט אַ קלייד פאַר זיך אַליין, נייט אומזיסט. אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז דער שניידער וואָס מאַכט אַ קלייד פאַר זיין זון, אַרבעט אומזיסט, ווייל ער באַקומט דאָך נישט באַצאָלט דערפאַר. האָט רבי אהרן'לע געפרעגט הרה"ח ר' אברהם'טשע שטערן ז"ל, אָבער ער האָט מורא געהאַט צו ענטפערן, נאָר ער האָט געזאָגט דעם קאָזשניצער רבי'ן: "פּונקט אַזוי ווי 'מורה מורינו' האָט געפרעגט, זאָל 'מורה מורינו' ענטפערן...", האָט הרה"ק רבי אהרן'לע געזאָגט:

- דער שניידער וואָס בינדט נישט צוזאַמען די פעדימער, איז דער וואָס נייט אומזיסט, ווייל זיין גאַנצע האָרעוואַניע גייט צו גרונד. אָן דעם לעצטן "קניפּ", ווערן אַלע פעדימער אויפגעטרענט און דאָס גאַנצע קלייד ווערט קאַליע.

שפּעטער האָט ער עס פאַרבונדן מיט די ימים טובים וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געשאָנקען. אפי' אויב מ'פירט זיך ריכטיג אין יום טוב, אָבער מ'האָט נישט גענוג שכל אָנצוהאַלטן די עבודה אויך אויף שפּעטער, מיט גוטע קבלות, איז מען ווי יענער שניידער וואָס באַקומען נישט באַצאָלט פאַר'ן נייען...

**יא.** מיר זאָגן אין דער שירה דעם פּסוק (שמות טו, ט) "אמר אויב ארדוף אשיג אחלק שלל". של"ל ראשי תיבות ש'ובו ל'כם ל'אהליכם. דער עיקר פון די מלחמה פונעם יצר הרע, וואָס ער איז דער "אויב" - דער גרעסטער פיינט פונעם מענטש - איז, אָפּצוקילן דעם מענטש ווען ער קומט צוריק אַהיים, אין זיין געצעלט ("לאהליכם"), אַז ער זאָל אויסלעשן דאָס גרויסע פייער וואָס זיינע אויגן האָבן געזעהן ביים מעמד הר סיני, און ער זאָגט פאַר'ן מענטש, ריכטיג טאַקע אַז דו האָסט מקבל געווען די תורה, אָבער "מפטירין כדאשתקד"... גיי צוריק צו דיין אַלטן סדר היום, אַזוי ווי דו האָסט זיך געפירט ביז יעצט...

טוב אַדורכגיין אַזוי ווי ער איז געקומען, נאָר אויך "ומחר" - צומאָרגנס פון יום טוב, זאָל מען געדענקען אַז מ'האָט ערשט מקבל געווען די תורה.

**דער** בעסטער וועג אַז די השפעות פון יום טוב זאָלן פאַרבלייבן ביי אונז[יג], איז דורך דעם וואָס מ'נעמט אויף זיך אַ גוטע קבלה - אפילו אַ קליינגקייט[יד], און דאָס זאָל מען אָפּהיטן אויך נאָך יום טוב, ווי אַ "חק ולא יעבור". דאָס וועט זיין ווי אַ פאָדעם וואָס פאַרבינדט דעם מענטש צום יום טוב.

**הרה"ק** רבי צדוק הכהן זי"ע פון לובלין זאָגט ("פרי צדיק", משפטים, אות ג'), אַז דער גדר פון געדענקען מעמד הר סיני, וואָס מיר זענען מצווה מקיים צו זיין יעדן טאָג, איז צו געדענקען די קבלה פון "נעשה ונשמע", ווי דער רבי פון לובלין זי"ע פלעגט זאָגן יעדן אינדערפרי, "הריני מקבל עלי להיות אדם טוב" - איך נעם אויף מיר צו זיין אַ גוטער מענטש.

**עס** איז באַקאַנט וואָס די ספה"ק זאָגן אויפ'ן פסוק (תהלים קיט, צח) "מאויבי תחכמני", אַז מ'דאַרף זיך אָפּלערנען פון די "תכסיסים" פונעם יצר הרע. פונקט ווי דער יצר הרע רעדט נישט איבער דעם מענטש צו אַן עבירה אויף איין מאָל, נאָר "כך אומנתו של יצר הרע, היום אומר לו עשה כך, ולמחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו לך ועבוד עבודה זרה והולך ועובד" (שבת קה:). ער זאָגט נישט פאַר'ן מענטש צו טוהן אַ גראָבע עבירה ח"ו אויף איינמאָל, נאָר היינט זאָגט ער איהם ער זאָל טוהן אַ "קליינגקייט", און מאָרגן זאָגט ער איהם, טוה נאָך אַ "קליינגקייט", ביז ער רעדט איהם איבער צו גיין דינען עבודה זרה ח"ו.

---

דאָס איז אויך מרומז אין פסוק וואָס מיר זאָגן אין קאַפּיטל "אשת חיל", וואָס איז מרמז אויף די תורה (רש"י משלי לא, י) "בטח בה לב בעלה", דער אויבערשטער כביכול איז פאַרזיכערט אַז די אידן וועלן ווייטער זיך פירן גוט, ווייל "ושלל לא יחסר", זיי וועלן נישט פאַרפעלן צו לערנען אויך דעמאָלס ווען עס וועט זיין "שלל" - ש'ובו ל'כם ל'אהליכם. זיי וועלן נישט צוריקגיין צום אַלטן, נאָר זיי זענען "מוסיף והולך" אין תורה און עבודת ה', סיי בכמות, סיי באיכות, יעדער איינער לויט זיין מדריגה.

די גמרא זאָגט (ב"ק נה.) אַז דער מענטש וואָס זעהט דעם אות טי"ת אין חלום, איז עס אַ גוטער סימן פאַר איהם. זאָגן די ספרים אַ רמז בדרך צחות, מיר זענען אַדורכגעגאַנגען זיבן וואָכן פון ספירה, און דערנאָך, די אַכטע וואָך, זענען געווען טעג פון "תשלומין" פאַר דעם יום טוב שבועות, וואָס האָט אויך אַ קדושה. דער עיקר איז אָבער, אַז מ'זאָל זעהן אויך דעם אות "טי"ת" - דאָס הייסט, אַז אויך די "ניינטע" וואָך, זאָל זיין ווי דאַרף צו זיין...

**יב.** דער "תפארת שלמה" זאָגט (עניני שמיני עצרת, פסח) אויף דעם וואָס מיר בעטן ביים יום טוב ביים דאַווענען: "והשיאנו ה' אלוקינו את ברכת מועדיך". "והשיאנו" איז פון לשון "נישואין" - אַ חתונה. פונקט ווי ביי אַ חתונה בעט מען אַז עס זאָל זיין אַ "בנין עדי עד", אַזוי דאַרפן מיר בעטן און טוהן פעולות אַז אונזער "חתונה" מיט די הייליגע תורה, זאָל פאַרבלייבן אַ "בנין עדי עד", אויך נאָך שבועות, "לעד ולנצח נצחים".

מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט דעם משל, ווען אַ מענטש קומט אַריין צו אַ חתונה, קען ער נישט באַלד וויסן ווער עס איז דער חתן, ווייל ער זעהט דאָך אַ סאַך מענטשן אָנגעטוהן אין בגדי שבת ויום טוב. ווען קען ער וויסן ווער עס איז דער חתן? צומאָרגנס נאָך די חתונה, אין די טעג פון "שבע ברכות", איז דער וואָס גייט נאָך אַלץ אָנגעטוהן בגדי שבת ויום טוב, ער איז דער חתן... דאָס זעלבע, איז דער "חתן" ביי די חתונה פון מתן תורה (ווי די חז"ל זאָגן, "ביום חתונתו, זה מתן תורה"), דער וואָס פאַרבלייבט מיט דער תורה אויך נאָך שבועות...

**יג.** דער סלאָנימער רבי, כ"ק אדמו"ר בעל "נתיבות שלום" זי"ע, האָט אַמאָל געפרעגט עטליכע בחורים פון זיין ישיבה, "ווען איז דער זמן פון קבלת התורה אין יום טוב שבועות?". האָט איינער געענטפערט, אַז דער זמן פון קבלת התורה איז ביים "עלות השחר". אַ צווייטער האָט געענטפערט, ווען מ'לייענט די עשרת הדברות. אַ דריטער, האָט געגעבן אַן אַנדערן ענטפער. האָט דער "נתיבות שלום" געזאָגט:

- דער זמן פון קבלת התורה איז דעמאָלס ווען דער מענטש איז מקבל אויף זיך דעם עול תורה...

פון אונזער זייט, קענען מיר צולייגן, יעדן טאָג פון יאָר קענען מיר נאָך אַמאָל זוכה זיין צו "מתן תורה", מ'דאַרף עס אָבער נעמען "מיט ביידע הענט"...

**יד.** ווען מ'האָט געפרעגט דעם סקולענער רבי'ן הרה"ק רבי ישראל אברהם זי"ע, אין גוטע זמנים, וועלכע קבלה מ'זאָל נעמען אויף זיך, האָט ער געענטפערט: "קבלת עול מלכות שמים" איז די בעסטע קבלה...

**זעהט** מען אַז דער יצר הרע איז מכשל דעם מענטש מיט לייכטע זאַכן וואָס מ'טרעט דערויף מיט די פיס, ווייל פון דאָרט קען ער איהם צוברענגען צום סוף צו דינען עבודה זרה ח"ו, קען מען דאָך אַרויסלערנען אַ דרך אין עבודת ה', "מדה טובה מרובה", אַז דורך שטאַרקן זיך מיט קליינע קבלות, אַ טרעפּל נאָך אַ טרעפּל, וועט מען צום סוף אָנקומען צו עבודת ה' בשלימות[טו].

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין אָנצוהאַלטן די קבלה פון די תורה מיט ביידע הענט, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד[טז], און אויפצושטעלן דורות נאמנים לה' ולתורתו, עוסקים בתורה ובמצוות לשמה על ישראל שלום, און אַלע חולי ישראל זאָלן אויסגעהיילט ווערן - אַזוי ווי ס'איז געווען ביי מתן תורה, און מיר זאָלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה, במהרה בימינו, אמן.

---

**טו.** די ספרים זאָגן, אַז מ'זאָל נישט נעמען אויף זיך צו-גרויסע קבלות מיט איינמאָל, ווייל דאַן קען מען עס נישט אָנהאַלטן, און ממילא, פאַרדינט מען גאָרנישט מיט אַלע קבלות. מ'דאַרף נעמען אויף זיך אַ קליינע קבלה, וואָס מ'קען עס האַלטן.

אַזוי ברענגט דער "חתם סופר" זי"ע (דרשות חתם סופר", ח"ב, פסח רעט. ד"ה "שמור"), אין נאָמען פון זיין רבי'ן, הרה"ק בעל "הפלאה" זי"ע, אויף די ווערטער פון די גמרא (תענית י:) "פסיעה גסה נוטלת אחד מחמש מאות ממאור עיניו של אדם". אַ גרויסער טריט, נעמט אַוועק אַ פינף הונדערטסטל פון דער זעה-קראַפט פונעם מענטש. זאָגט דער "הפלאה", אַז דער מענטש דאַרף זיך הייליגן מיט זיינע מדריגות אין קדושה ביסלעכווייז, אָבער אַ "פסיעה גסה" - אַ "גרויסער טריט" - וואָס דער מענטש וויל מאַכן אויף איינמאָל, נעמט איהם אַוועק דעם כוח צו זעהן, ווייל אַזוי וועט דער יצר הרע אַוועקנעמען פון איהם דעם כח צו שטיין אויף דער וואַך. מה שאין כן אויב ער פּראָבירט אַרויפגיין צוביסלעך, און ער נעמט אויף זיך אַ קליינע קבלה וואָס ער האַלט-אָן מיט אַלע כוחות, אַזאַ קבלה וועט זיך האַלטן ביי איהם.

מורא'דיגע ווערטער, זאָגט דער אַפּטער רב זי"ע ("אוהב ישראל", ליקוטים חדשים, פרשת ויקרא): מיר האָבן געזעהן מיט אונזערע אויגן אַ סאַך חסידים וואָס זענען געוואָרן ווי משוגעים ח"ו, אָדער זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה. פון וואַנעט נעמט זיך דאָס? עס נעמט זיך דאָך נישט פון דער תורה, ווייל די תורה איז דאָך "משמחי לב". די תורה דערפרייט דאָס האַרץ פונעם מענטש וואָס לערנט איר. אויך פון קיום המצוות קען מען נישט ווערן בעצבות און אַריינפאַלן אין מרה שחורה, ווייל מיר ווייסן דאָך אַז "פקודי ה' ישרים משמחי לב" (תהלים יט, ט). נאָר דאָס ענין איז, אַז די מענטשן האָבן געוואָלט אַרויפגיין צום אויבערשטען, אָבער דער לייטער איז פאַרשוואונדן פון זייערע אויגן, ווייל זיי דינען נישט דעם אויבערשטען "בהדרגה" - שטאַפּלוויז - און זיי כאַפּן אַ מדריגה וואָס איז נישט שייך צו זיי, אָן דעם וואָס זיי זאָלן האָבן רשות דערויף פון הימל, עכדה"ק.

**טז.** הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט שבועות ביינאַכט ("תורת יחזקאל", שבועות), די גמרא זאָגט (שבת לד.) אַז ערב שבת פאַרנאַכטס, דאַרף דער מענטש זאָגן ביי זיך אין הויז דריי זאַכן: "עשרתם, ערבתם, הדליקו את הנר". צו האָט איר גע'מעשר'ט (די פירות), צו האָט איר געמאַכט אַן "עירוב", און צו האָט מען אָנגעצונדן די לעכט. זאָגט דאָרט די גמרא: "וצריך למימרינהו בניחותא", מ'דאַרף זאָגן אַלע דריי זאַכן רואיגערהייט, "כי היכי דלקבלינהו מיניה" - כדי די שטוב-מענטשן זאָלן אָננעמען זיינע ווערטער.

האָט הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער געזאָגט, אַז דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן דווקא בנוגע די דערמאַנטע דריי ענינים וואָס מ'זאָגט ערב שבת פאַרנאַכטס, נאָר "ללמד על הכלל כולו יצא", אַז ווען אַ מענטש וויל אַז זיינע רייד זאָלן אָנגענומען ווערן ביי אַנדערע, דאַרף ער עס זאָגן רואיגערהייט, און געלאַסן. און ער האָט אויסגעפירט:

- רבונו של עולם, דו ווייסט אונז היינט געבן די תורה, אָבער 'צריך למימרינהו בניחותא', רואיגערהייט, "בשובה ונחת", "כי היכי דלקבלינהו מיניה", כדי מיר זאָלן קענען נעמען די תורה באהבה וברצון...